העפטל 23 · 3 פענס

# פרילינג 1942

א. נ. שטענצל

מאי 1942 · לאנדאן, ווייטשעפל

## פרילינג טעג

אַז אַלעמאָל דאָס זעלבע וווּנדער,
און אַזוי פּאַר אַלעמענס אויגן:
טויבן מיט גרינע בלעטער אין מויל,
קומען הימלישע טעג געפלויגן — —

אַזאַ בשורה אין אַלע הערצער,
מיט ליכטיקע זונען צעשריבן;
עס אויסצוויאָרקען זיי האָבן זיך
אונטער פינסטערסטן דאַך פאַרקליבן.

און קומען די פייגל נישט צוריק,
מיט פרייד אין זייערע געזאַנגען,
און ווי זיי וואָלטן די גאַנצע וועלט,
מיט גאָלדענע אייער באַהאָנגען?

אויף די שטראַלן זיי ציען זיך אויף
גאַנצע טעג מיט גליצער־געפינקל,
און ווי אונטערגעלייגט געלעגן
זיי וואָלטן שוין אין יעדן ווינקל —
— — — — — — — — — — — —

אָבער ווי אַלעמאָל פּיקן זיך
נישט פייגל אויס — פינסטערע ראָבן!
און אונטער וויאַן פון בשורה־בלעטער
ווערט די ליכטיקסטע טויב באַגראָבן — — —

## פרילינג-פרייד איצט

איז מיט שמעקעדיקע, מיט זיסעסטע ריחות
נישט ליכטיק דערקנאָספּעט הימל און ערד ?
די זון — אַזאַ אויפגייענדיקע רויז,
מיט יעטווידן טאָג אַלץ גרעסער זי ווערט.

די צערענדערטע טויבן דאַצווישן,
מיט זייער געקרייז אַהין און צוריק —
זומערפייגעלעך צעמיגניעט אַזוי,
צו באַפרוכפערן גאַנצע וועלט מיט גליק —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

וועלכעס טריעריק פאַרמוטשעטע האַרץ
קאָן ביישטיין די פרייד פון אַזעלכע טעג !
כאָטש אַ צעפּאַלטערטס אַרויסרייסן פון זיך,
אין זיין מטושטש-פאַרמישן אויפרעג :

אָ, אַז אַזוי גיפטיק ווילד אויפגיין געקאָנט,
דעם מענטשנס האַרץ איבער דער גאַנצער ערד,
מיט מגפה-געשטאַנק, גיפט-גאַז-געריך — —
טרויער אונזערער און פרייד וואָסער ווערט !

יאָ, די צעפלאַטערטע עראָפּלאַנען,
אין דער זון אויבן אַזוי אויפגעבליצט !
איבער גאַנצער וועלט פול רציחה און טויט,
זוימען אַזאַ זיי צעטראָגן דאָס איצט.



## די טאפאלעס אויף די וועגן

ס'שטייען די טאָפּאָלעס אויף די וועגן,
ווי שטומע עדות פון דעם וואָס געשעט,
שאָקלעדיק זיך אַזוי, אַלע צוזאַם,
שעפּטשען זיי שטיל ווי סודותדיק געבעט :

ס'ווערט אייביק שוין אַזוי טרויעריק זיין,
ווי ס'איז אייביק שוין אַזוי-אָ געווען,
עס הערט דאָך דאָס בייטשן-קנאַלן נישט אויף,
זייט די וועגן דאָ מיר האָבן דערזען.

מיט יאָגן זיך איינער נאָכן צווייטן
זיינען ווילד צעהעצט די ליכטיקע טעג,
און די נעכט-טשאַטעוודיקע רוצחים !
בלוטיקער שליאַד — יעדער פינסטערער וועג !!

אַזוי איז געווען אַזוי מסתם זיין,
נאָר אומגעקערט אפשר דאָס-אָ וואָס איצט :
מיט אַזאַ קנאַלן זיינען פול די נעכט !
און די טעג מיט — בלוטיקע מעסער צעבליצט !!

אָ, מיט אונזער פאַרוואָרצלטן טרויער,
דעם אומעט איצט פון דער וועלט צו פאַרשטיין —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
די קעפּ ביי די האָר וואָלטן זיך געריסן,
ווילד אויפשוידערדיק אין יאָמער געוויין,

שטייען די טאָפּאָלעס אויף די וועגן,
צעהעשעט אַזוי פון דעם וואָס געשעט,
און אין זייערע צווייגן די פייגל,
די צעפלאַטערטע הערצער אין געבעט.

# באטשאנעס

(אַ מלחמה באַלאַדע)

1

עס קומען די באָטשאַנעס אָנגעפלויגן,
די דעכער זייערע זיי קענען נישט געפינען;
גאַנצענע נעכט פאַרחושכטע זיי בלאָנדזשען,
און נאָך פינסטערער דער ליכטיקער באַגינען.

נישט קיין שליאַך, קיין וועג, קיין סטעשקע אפילו,
די דעכער אויפגעגאַנגען אין פייער־פלאַמען,
כאָטשבע אויסצוקערעווען די לאַנגע שנאָבלען,
צוריק צו פליען איבער די ווייטע ימען.

שווידערדיק געפרווירן זיי בלייבן שטיין,
ס'וואָלט געווען נישט פרילינג — נאָר מיטן אין ווינטער!
דער אויפגעהויבענער פוס וויל צוקנעפּלען
די פליגלען, וואָס הענגען ווי די פרעק אַרונטער.

און אַז די זון גייט אויף, דאָרט־ווייט, דאָרט־הינטן,
אַזוי בלוטיק רויט און אַזוי וואַרעם לויטער,
זיי מיינען: אַן אויסגעבעט ראָד אויף אַ דאַך,
פון אַזאַ נעסט, אַ פאַריאָריק נאָך געבויטער.

פריידיק צעפּאַטשן זיך זייערע פליגל,
וואָס געשווינדער דאָרטן אַהין אָנצוקומען,
אַז זיי וועלן דערקענען ס'איז די זון גאָר,
זאָל זייער פרייד נאָר נישט ווערן אָפּגענומען —

2

אָבער צו קענען דען אָדלערס אפילו,
ביז צו דער ליכטיקער זון דערפלאַטערן?
מוזן דאָך באָטשאַנעס, פאַר האַלבן וועג נאָך,
אינמיטן אין זייער פליען פאַרמאַטערן.

אויף אַן איבערגעקערטן צעשטערטן טאַנק,
אויף זייערע רעדער אַזוי דיבאָם קאַפּויער,
זיי בלייבן שטיין ווי אויף סטאָדעלע־דעכער,
„מזל־רייפן" אַרויפגעלייגט האָט אַ פּויער — —



און ווי שנעל אויסגעבויט ס'ווערן די נעסטער!
מוז עס דען זיין שטרוי פון שייער, היי פון סטויגן?
ס'איז מענטשליכער שאַרבן, ווילד פאַרוואַקסענער,
אויפגעשנאָבלט אין די לעכער פון די אויגן — —

ווי ווייך אויסגעבעט ס'זיינען דאָס די רעדער,
מיט שטיקער שינעלן פון טויטע סאָלדאַטן!
און ווען מען אַרט עס און וואָס קאָן עס שאַטן,
אַז פון ווייטן הערט מען אַלץ די האַרמאַטן?

שטייען זיי זיך אַזוי בהרחבהדיק — —
די פרעק ווי זיי וואָלטן זיי שוין ענגער ווערן:
פון גאַנצע זומפּיקע טייכן זיי מיינען,
דאָס קוואַקען פון פעטע דזשאַבעס צו דערהערן.

3

נאָר אין בין השמשות, ווען ס'זעצט זיך די זון
אַ ראָד אויף שייער זי ווידער צו פאַרגלייכן,
גייט אַ באָטשאַן אַראָפּ פון איר: נישט דזשאַבעס —
מתים אַרויסצודזשוביען פון בלוטיקע טייכן.

דאָס גסיסה־געכאָרכל, דאָס קוואַקען־געזאַנג — —
מיט שוים־בלעזעלעך אויף שטאַרבנדיקע ליפּן — —
געציילטע ווערטער ווען צו דערזאָגן,
לעצטע זיפצן נישט קענענדיק מער דערכליפּן —

— — — — — — — — — — —

ווי פינסטער זיינע פליגל, זיינע שוואַרצע,
דער שאַרפער שנאָבל רציחיש אויסגעצויגן!
אַ טויטע חשכות איבער דער גאַנצער וועלט,
ווען דער באָטשאַן צו זיין רויב איז אָפּגעפלויגן.

פונם צעפּאַך פון זיינע שוואַרצע פליגל,
פון דעם בלוטיקן, דעם טריפנדיקן רינען,
אַזוי רויט ווערט דער אויסגעבעטער רייפן,
ווען צו זיין נעסט צוריק ער קומט אָן באַגינען.

און אין די שוואַרצע האַלב פאַרקנעפּלטע פּרעק,
אומעטיקע אבלים נאָך רייסן קריעה,
שטייען אויף די טאַנק־רעדער די באָטשאַנעס,
מיט אַזאַ מרה־שחורה אין זייער ראיה.

## מאַרש-ליד פון דער רויטער אַרמיי

אַז ווי איינער מיר אַלע צוזאַם,
מיר טראָגן דעם זעלביקן געדאַנק!
אונזער טראָט, אונזער געגאַנגלטער,
איז גייענדיקער, איז שווערער טאַנק.

און פאַלט איינער פון אונז, פון דער ריי,
איז עס ווי אַ שרייפל פון אַ ראָד — —
אַן אַנדערס ווערט שנעל אַריינגעשרויפט,
און אונזער שורה גייט ווידער גראָד.

געגאָסענע פון שטאָל זיינען מיר,
ווי ס׳כלי־זיין אין אונזערע הענט — —
אַזויפיל און אַזויפיל גראַד־וואָלט —
דער געדאַנק אין אונז ליכטיק צעברענט!

יאָ, מיט מיליאָנען בליטן אַצינד,
אויפגעלויכטן אַן איינציקער שטאַם,
די פרוכטן זיינע אויסצוטראָגן,
אַזוי מיר איצט — מיר אַלע צוזאַם!

## אַזאַ פרילינג סאַנעט הייאַר
„הזורעים בדמעה ברינה יקצורו"

אָ, איז דען נישט זריעה־צייט אַצינד,
און מיר גאָר גרייטן זיך צום שניט;
ס׳שפּייען די ביימער אין צוויט,
פלאַמענדיקע שלאַכט־פּענער אין ווינט.

נישט די זון — דער טויט אַזוי געשווינד,
אויף זיין רייט־פערד אין ווילדסטן ריט,
זיין ציקלאָפּן־אויג אין דער מיט,
בלוט־איבערלאָפן פון שנאה בלינד — — —

אָ, די קאָסע זיינע ווי זי בליצט!
אָבער איז דען נישט זריעה־צייט איצט —
איבער דער גאַנצער ערד דאָס געוויין!

דורך גאָרער וועלט דער צעפייפטער גרויל,
פון באָמבע־פּאַרזיי, שראַפּנעל און קויל — —
אָ, וואָסער טויט ס׳וועט דאָס ערשט אויפגיין —



## פרילינג הייאַר

נישט איינגעשפּאַנטע סאָכע און נישט טראַקטאָר —
ס׳איז דער טאַנק איצט וואָס גייט איבער דער ערד!
מיט מענטשליכע גופים, צעצאַפּלטע,
דער אַקער אַצינד אויפגעבראָכן ווערט.

פון דעם ראָיענדיקן אויפגעריסענעם,
פול מיט צעקוועטשטן בני־מעיים געקנויל,
פלאַטערן שטאָלערן ווילד די באָמבערס אויף —
פייגל, פיקנדיק שלענגלעך אין מויל.

צו דער זיפּ, צו דער דראָטענער, מיט זשאַרנעס,
פולע גאָרשטן אָננעמען צום פּאַרזיי,
מיט הייבן אונזערע פויסטן צו דער זון,
זי צו דערגרייכן כאָטש ביים אונטערגיי.

יאָ, פון אונזערע הענט, די צעשונדענע,
בלוטיק אַצינד צעטריפט דער אונטערגאַנג — —
אָ, אַז דאָס אויסזייען מיט אַזאַ געוויין,
ווי וועט זיין דער שניט — מיט וואָסער געזאַנג!

נישט איינגעשפּאַנטע סאָכע און נישט טראַקטאָר —
ס׳איז דער טאַנק איצט וואָס גייט איבער דער ערד!
אַז אויפגיין און צייטיקן ס׳זאָל דער אַקער
מיט שטיקל ברויט פאַר יעדן מענטש באַשערט.

# לא תרצח

(אַזאַ שבועות־רייזעלע פאַר הייאַר, אין די בלעק־אוט־פענסטער אַרויסצוהענגען)

נישט ערגעץ אויף אַ באַרג, אין אַ מדבר,
מיט וואָלקאַנען־רויך, דונערן און בליצן,
אויף געטעסעטע שטיינער־טאָוולען
פייער־דיקע אותיות זיך קריצן —

ס׳איז אַ וויסטעניש איצט די גאַנצע וועלט,
די לוחות זיינען אַלע וועלט־טיילן!
און האַרמאַטן און טאַנקס און באָמבערס
טוען פון ענטפלעקונגען דערציילן — — —

נישט ערגעץ, נישט דעמלט, אַ באַרג סיני —
די גאַנצע וועלט שטייט איצט אין פלאַמען!
אונזערע לייבער, — די העראָגליפן!
דעם „לא תרצח" שטעלן זיי צוזאַמען:

קעפ פון זייערע לייבער אָפּגעריסענע,
שדרה׳ס צעשפּאָלטענע, צעשטיקלטע,
הענט און פיס צעבראָכן צעלאָמיעטע
אין בני־מעיים־גליווער פאַרוויקלטע —

אין סקעלעטן־קנאָכן צעצעשעטע,
מיט גופים פאַרבלוטיקט־צעשריבענע
דעם „לא תרצח" צוזאַמענצושטעלן,
פאַר די לעבעדיק־איבערגעבליבענע —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

און וועט מען דאָס הייליקסטע געבאָט
אויך דאָס איצטיקע מאָל נישט האַלטן, —
נישט שטיינערנע לוחות, צעקריצטע, —
גאַנצע ערד וועט זיך אַצינד צעשפּאַלטן — —

Printed by The Narod Press, 129 Cavell Street, London, E.1.